— יתגדל!
דעם קדיש פון נעילה...

ער זאגט — און דאס קול שטארקט זיך און צעגייט זיך אויף אלע
זייטן, ווי אמאל, נאך בעסער, נאך זיסער, נאך הארציקער ווי אמאל... און
אין די קעסלען, פון וואנען עס האט זיך געהערט ביז אהער געוויש, געשריי
און געיאמער, ווערט פלוצלינג שטיל, דערנאך הייבט מען אן אונטערצו־
האלטן. די דעקן הייבן זיך אויף, קעפ שטופן זיך ארויס, אפגעברענטע
מיילער האלטן אונטער...

די לאפיטוטן ביי די קעסלען זאגן נישט נאך, אבער פארטומלט און
דערשראקן האבן זיי זיך אינגאנצן פארלוירן, און בלייבן שטיין, ווער מיט א
שייט האלץ, צום אונטערוואַרפן, ווער מיט אן אייזן צום אונטערשארן דאס
פייער, ווער מיט אן אייזערנעם גאפל צום אויסמישן — אין די הענט, די
מיילער אפן, די צונגען ארויסגעלאזן, די פנימער אויסגעקרומט, די אוי־
גאנעם קיילעכדיק. אנדערע פאלן אריין אין א מין נכפה און פאלן, און
ווארפן זיך אויף דער ערד... און דער זאגט נעילה און זאגט... און דאס פייער
פון אונטער די קעסלעך גייט אויס, לעשט זיך... די מתים הייבן אן
ארויסצוקריכן...

ער זאגט, דער עולם נאך, און מיט הארץ, מיטן גאנצן הארץ. און די
לייבער, וואס ווייטער אין דער תפילה, היילן זיך, ווערן גאנץ, פליישן בא־
העפטן זיך, הויטן וואקסן צוזאמען, און אויסגעלייטערט ווערן זיי...

און ווען ער קומט אין דער הויכער שמונה־עשרה צו „מחיה־מתים",
ווערן פלוצלינג אלע ממש ווי לעבעדיק, ווי ערשט געקומענע. און זיי זאגן
מיט איין קול נאך: אמן. און ביים אמן, יהא, שמיה רבא... ווערט אזוי
געפילדערט, אז די הימלען אין דער הויך עפענען זיך, און די תשובה פון
רשעים דערגרייכט צום זיבעטן הימל, צום כסא הכבוד צו, אין א שעת
רצון איז געווען, אפנים, און אלע רשעים, שוין אייננטלעך צדיקים, האבן
פלוצלינג פליגל באקומען און איינס נאכן אנדערן פון גיהנום ארויסגעפלויגן
און די טויערן פון גן־עדן פאר זיך אפן געפונען...

געבליבן אין גיהנום זענען נאר די לאפיטוטן, וואס האבן זיך גע־
ווארפן אין דער נכפה און געקוילערט זיך אויף דער ערד, און דער בעל־
תפילה אליין, וואס ווי ער איז געשטאנען, איז ער שטיין געבליבן...

אלע, ווי ביים לעבן, האט ער צו תשובה געברענגט, ער אליין האט
קיין רעכטע תשובה נישט געקאנט טון. און — א מאבד עצמו לדעת:

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיט דער צייט איז דאך דאס גיהנום צוריק פול געווארן.
מען האט צוגעבויט, און ס'איז ווידער ענג. —

*"Yisgada-al! . . ."*[2]

The Kaddish—and in the special melody of Yom Kippur!

He sang—and his voice sounded far and wide, as good as ever, no, even better, sweeter and so much more tender. The cauldrons, which had reverberated with howls and groans, grew suddenly silent; then, from within them, voices took up the prayer. The cauldron lids lifted, heads peered out for a look, scorched mouths began to sing along.

The devils attending the kettles did not join in, of course, but rather stood there dumbstruck, mouths agape, tongues hanging out, faces contorted, eyes red as coals, some still holding a log to stoke the fire with, others gripping an iron poker or trident. A few even threw themselves epileptically to the ground while the cantor went on singing. Beneath the cauldrons the fires died down. Here and there a dead man began climbing out.

The cantor sang on and hell's inmates sang with him, fervently, with all their hearts, their bodies made whole again, the flesh healed on their bones, their souls cleansed of all sin. When he reached the prayer in the Shimenesre that praises God the Resurrector, the dead came back to life and answered "Amen" in one voice. And when he sang the words "May His great name be blessed," there echoed back such a chorus of voices that the heavens opened on high, and the repentance of the damned reached the seventh heaven, where God's own mercy seat stands, and the moment of grace was so great that the sinners, now converted into saints, sprouted wings and flew out of the jaws of hell and through the open doors of paradise.

No one was left behind but the devils, writhing on the ground, and the cantor, who never budged from his place.

As in his lifetime, all repented through him but he himself could not repent. A suicide!

After a while hell filled up again. New quarters were added, but still the crowding was great.

*1915 (translated by Hillel Halkin)*